בס"ד
שופטים תשפ"ג
גליון 154

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### תְּמִימוּת!

די וָואכֶענְדִיגֶע פַּרְשָׁה שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַ בַּאפֶעל "תָּמִים תִּהְיֶה עִם הַשֵּׁם אֱלֹקֶיךָ" רש"י הַקָּדוֹשׁ טַייטְשְׁט אוֹיפְן פְּלַאץ "הִתְהַלֵּךְ עִמּוֹ בִּתְמִימוּת" דָאס מֵיינְט אַז דוּ זָאלְסְט דִינֶען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט תְּמִימוּת.

אִין רֶבִּי'נְס חֶדֶר אִיז תְּמִימוּת אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אוּן חָשׁוּב'סְטֶע יְסוֹדוֹת. לָאמִיר זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט וֶועגְן דִי מַעֲלָה פוּן תְּמִימוּת.

"אֲבָל בֶּאֱמֶת אֶצְלֵנוּ בַּיי אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית נָאר אֱמוּנָה וּמִצְוָה מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן לוֹיט וִויאַזוֹי דִי תּוֹרָה הֵייסְט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אִין דָאס קֶען יֶעדֶער מְקַיֵּים זַיין". אִין אַ שְׁפֶּעטֶערֶע תּוֹרָה זָאגְט דֶער רֶבִּי אַזוֹי, "דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע כְּלָל אוּן אַ יְסוֹד אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צוּ זַיין אַ תָּם אוּן אַ גְלַייכֶער מֶענְטְשׁ אוּן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט גַאנְצְקֵייט אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת. אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע חָכְמוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לְמָשָׁל אַ מֶענְטְשׁ




וָואס הַאלְט אוּן אֵיין אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוֹיבּ עֶר הָאט יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט, דָאס אִיז אוֹיךְ דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁטוּתִים, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ פוּן פְלֵיישׁ אוּן בְּלוּט קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוֹת גַאנְצֶערְהֵייט, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט נִישְׁט צוּ אוּנְז מִיט קַיין טַעֲנוֹת, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מַלְאָכִים. (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה י"ט חלק ב' - תורה מ"ד חלק ב')

ר' נָתָן בְּרֶענְגְט (הִלְכוֹת פֶּסַח ט' אוֹת כ"ב) אַז מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין רְמָזִים וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער. דֶער תָּם אִיז אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גוּט דִי אַרְבֶּעט אוּן עֶר הָאט פַארְדִינְט זֵייעֶר וֵוייניג גֶעלְט, אוּן וֶוען מְ'הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ פַארְדִינֶען מֶער גֶעלְט, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה", זָאגְט ר' נָתָן אַז פּוּנְקְט אַזוֹי דַארְף מֶען דִינֶען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט אַ תְּמִימוּת אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט, אֲפִילוּ אוֹיבּ מְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע אָרִימַאן בְּגַשְׁמִיּוּת אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין, אֲפִילוּ אִיךְ קוּק מִיר אַרוּם אוּן אִיךְ זֶע וִוי מַיינֶע חֲבֵרִים אַרוּם אוּן אַרוּם זֶענֶען טוֹיזְנְט מָאל בֶּעסֶער פוּן מִיר סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, טָאר אִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי מִיר,

המשך אויף זייט 8

# מיין מעשה'לע



## לִיבּ הָאבְּן תּוֹרָה

אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אַז אוֹיבּ מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ טַאטֶע הָאט מֶען חֵשֶׁק אוּן אַהֲבָה צוּ לֶערְנֶען.

עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אַ מַצָּב וָואס אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער פַארְשְׁטַאנֶען דִי גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ גָאר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין, הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוְונְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַן עֵצָה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי עֵצָה פוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת. הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ מַיין טַאטֶע אוּן טַאקֶע ווּאוּנְדֶער אִיבֶּער ווּאוּנְדֶער, דִי גַאנְצֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען דִי גְמָרָא!

יַעֲנְקִי

מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ דִי לָשׁוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין **עֶרֶךְ לִמּוּד: א. מִי שֶׁעוֹשֶׂה תַּעֲנוּג לְאָב וּמְשַׂמֵּחַ אוֹתוֹ, עַל-יְדֵי זֶה יִהְיֶה לוֹ חֵשֶׁק וְאַהֲבָה לִלְמֹד.**

## וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא

פַאר אַפָּאר וָואכְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֶע בּוֹיךְ-וֵוייטָאג אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין חֵדֶר פַאר אַפָּאר טֶעג. וֶוען פְרַייטָאג הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּאזָארְגְט ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען ווִי אַלֶעמָאל הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ לִכְבוֹד-שַׁבָּת? אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם פְרַייטָאג אִיז דִי וֵוייטָאגְן שְׁוַואכֶער גֶעוָוארְן אַזוֹי אַז אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל גֶעקֶענְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אָן זִיךְ צוּפִיל אָנְשְׁטְרֶענְגֶען.

אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן שְׁטַארְקֶע קָאפּ-וֵוייטָאג נִישְׁט צוּם אוֹיסְהַאלְטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אַלֶעס אָפְּלָאזְן אוּן זִיךְ לֵייגְן אִין בֶּעט, ווַארְטְן בִּיז עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין. אִיךְ הָאבּ גַאנְץ אָפְּט אַזֶעלְכֶע שְׁמֶערְצְן-אַטַאקֶעס אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶס אַוֶועק בִּיז 10-15 מִינוּט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וֵוייטָאגְלִיךְ אָבֶּער דָאס מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט עֶפֶּעס וָואס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ. אִיךְ בִּין גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אָן זִיךְ בַּאוֶועגְן, פַארְמַאכְט מַיינֶע אוֹיגְן, כְ'הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז נָאר אֵיינֶער קֶען הֶעלְפְן, דֶער בַּאשֶׁעפֶער!

שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבּ אִיךְ גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט אַ תְּפִלָּה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק צוּ צוּ מַיין צַעַר, אִיךְ נֶעם אָן מַיינֶע יִסּוּרִים בְּאַהֲבָה, אִיךְ פְּרוּבִיר הֶעלְפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ טְרָאץ מַיינֶע וֵוייטָאגְן, אָבֶּער טַאטֶע אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, מַאךְ אַ נֵס עֶס זָאל מִיר אַוֶועקְגֵיין".

עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער דִי וֵוייטָאגְן זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן מִיט זֵייעֶר עַקְשָׁנוּת, כְ'הָאבּ זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט... מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען אַז מֶען הֶערְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אוֹיס מַיינֶע תְּפִלּוֹת. אָבֶּער... דִי יְשׁוּעָה אִיז גֶעקוּמֶען אוּמְגֶערָאכְטְן וֶוען מַיין מַאמֶע אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ ווִיל טְרִינְקֶען וַואסֶער, מִיט בִּיטֶערְנִישׁ הָאבּ אִיךְ גֶעשָׁאקְלְט מַיין קָאפּ אוֹיף יָא וָואס שְׁטֶערְט מִיר צוּ טְרִינְקֶען?

"שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ" הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה, אוּן אוֹיסְגֶעטְרִינְקֶען אוּן בִּיז עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קַיין זֵכֶר פוּן דִי שְׁמֶערְצְן! יָא, דִי יְשׁוּעָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן כְ'הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַ דֶערְלַייכְטֶערוּנְג אוּן זִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען גְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער נֵס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן מַיינֶע תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן אוֹיסְגֶעוַוארְט דִי יְשׁוּעָה.

# מיין ערשטע ראש השנה: אומין שנת תרע״ה



**הֶמְשֵׁךְ, ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער אַלְס אִינְגֶער בָּחוּר וויל בְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אַבִּי זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּ׳ין דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אויף ראֹשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט וֶוען אִיז דִי עֶרְד אִין אֵייראָפֶּע אִיז גֶעוֶוען אַייְנְגֶעהִילְט אִין הֶעלִישֶׁע פְלַאמֶען. דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה הָאט דַאן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אוּם ז׳ אָב תרע״ד, דָאס הָאט זַייעֶר שְׁוֶוער גֶעמַאכְט דָאס רַייזְן אַרוּם לֶענְדֶער.**

## אִיבֶּערְגֶעפִילְטֶע סְטַאנְצִיעֶס

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג, אוּן נָאךְ אַ קוּרְצֶע וַויילֶע הָאט עֶר דֶערְגְרַייכְט דִי הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן פּוֹילְן, וַוארְשֶׁע.  אִין וַוארְשֶׁע הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער שְׁוַואכְקֵייט וֶועלְכֶע הָאט בַּאנוּמֶען זַיין גַאנְצֶער קֶערְפֶּער, אִים צְוִוינְגֶענְדִיג זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן דִי נְסִיעָה.

אִין וַוארְשֶׁע הָאט ר׳ לֵוִי יִצְחָק גֶעהַאט אַ עֶלְטֶערֶע בְּרוּדֶער, אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וֶועלְכֶער וָואלְט אִים גֶערְן אַרַיינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אוּן אִים צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אָבֶּער רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעוואוּסְט בַּיי זִיךְ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בַּאוַוייזְן זַיין פָּנִים פַאר זַיין בְּרוּדֶער וֶועט עֶר שׁוֹין מֶער נִישְׁט קֶענֶען פָארְזֶעצְן זַיין רַייזֶע, עֶר וֶועט פְּרוּאוְון אַלֶע מִיטְלֶען דָאס אָפְּצוּהַאלְטְן פוּן אִים.

נִישְׁט הָאבְּנְדִיג קַיין אַנְדֶערְן אוֹיסְוַואל הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּם שְׁטוּבּ פוּן ר׳ יִצְחָק גֵּרְשׁוֹן בַּארְזֶעסְקִי, דֶער פָאטֶער פוּן ר׳ יַעֲקֹב זְאֵב, וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין וַוארְשֶׁע, דָארְט הָאט עֶר גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּבִּיסְלִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת.

אַ הֶעכֶערֶע פְלַאם הָאט זִיךְ אָנְגֶעצִינְדְן אִין אִים, צוּם צִיוּן הַקָּדוֹשׁ אִין שְׁטָאט אוּמַאן, אוּן טְרָאצְדֶעם וָואס רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זֶעלְבְּסְט הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶס קוּמְט פָאר מִיט אִים אוּן פַארְוָואס עֶר נֶעמְט אוּנְטֶער אַזַא סְכָּנָה׳דִיגֶע רַייזֶע טְרָאץ דִי קֶעגְנֶערְשַׁאפְט פוּן זַיין טַאטֶע אוּן דִי שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה וָואס בְּרֶענְט אוֹיפְן גַאנְצְן אַרוּם, וִוי אוֹיךְ, אַז עֶר אִיז קַיינְמָאל פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעוֶוען אָט דִי נַאטוּר צוּ גֵיין טוּן אַזֶעלְכֶע גֶעוַואגְטֶע ווִילְדֶע שְׁרִיט, הָאט זַיין הַארְץ אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט רוּעֶן, אִים בְּרֶענְגֶענְדִיג נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם קְוַואל פוּן וֶועלְכֶער עֶר וֶועט פַאר לַאנְגֶע יָארְן שֶׁעפְּן פוּן דִי קְוֶועלֶעדִיגֶע וַואסֶערְן, אוּן אִין פִילֶע יָארְן אַרוּם וֶועט עֶר עֶס וַוייטֶער אָנְגִיסְן פַאר דִי פִילֶע

צוהֶערֶער וועלְכֶע וֶועלְן שְׁלִינְגֶען מִיט דָארְשְׁט יֶעדֶעס וָוארְט זַיינֶער...

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם בַּאן סְטַאנְצִיֶע הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט אַן אוּמְגֶערִישְׁטֶער בִּילְד. דִי גַאנְצֶע סְטַאנְצִיֶע אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעפּוּלְט מִיט טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן בַּאלַאגֶערְט דֶעם פְּלַאץ, צְוִוישְׁן זֵיי פִּילֶע מִילִיטֶער לַייט וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעיָאגְט צוּם פְרָאנְט.

וֶוען עֶס הָאט זִיךְ דֶערְהֶערְט דֶעם לַאנְגְן-אוֹיסְגֶעצוֹיגֶענֶעם פַּייף, וָואס הָאט אָנְגֶעזָאגְט אַז אַ בַּאן טוּט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם סְטַאנְצִיֶע, הָאבְּן אַלֶע אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען מִיט הָאפֶענוּנְג אַז אֶפְשָׁר דָאס מָאל וֶועט זֵיי יָא דָאס מַזָל צוּשְׁפִּילְן זִיךְ צוּ קֶענֶען אַרוֹיפְדֶערְזֶען אוֹיף אַ בַּאן, אָבֶּער דַאן הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דֶעם זֶעלְבְּן בִּילְד וִוי בַּיים פָּארִיגְן בַּאן: דֶער בַּאן אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעפּוּלְט מִיט טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן, וֶוען פִּילֶע הֶענְגֶען פוּן דִי פֶענְסְטֶער אוּן דֶעכֶער.

דִי אוּרְזַאךְ פוּנֶעם אִיבֶּערְפְלוּס פוּן מֶענְטְשְׁן אִיז גֶעוֶוען צוּלִיבּ דֶעם וָואס פִּילֶע טוֹיזֶענְטֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט פַארְאֵיינִיגְן מִיט זֵייעֶרֶע פַאמִילִיעֶס אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם מִלְחָמָה אוֹיסְבְּרוּךְ, מוֹרָא הָאבְּנְדִיג אַז טִיפֶער אַרַיין אִינֶעם קְרִיג וֶועלְן זֵיי וֶוערְן גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְגֶעשַׁאלְטֶערְט פוּנֶעם גַאנְצְן לַאנְד, אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין מֶעגְלִיךְ צוּ פָארְן סַיי וִוי. אָבֶּער רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְקְט סַאךְ מֶער וִוי בְּלוֹיז צוּ פַאמִילְיֶע... זַיין אִינֶערְלִיכֶער הַארְץ הָאט גֶעבֶּענְקְט צוּם קְוַואל...

זֶעעֶנְדִיג אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אֲפִילוּ נָאנְט צוּ קוּמֶען צוּם בַּאן וֶועלְכֶער פָארְט פוּן וַוארְשֶׁע קַיין לוּבְּלִין – וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט נֶעמֶען אוֹיפְן וֶועג אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן – הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיפְגֶעכַאפְּט אוֹיף אַ קְלֶענֶערֶע בַּאן וֶועלְכֶער פָארְט צוּ דֶעם דֶערְנֶעבֶּענְדִיגְן שְׁטָאט אַטְווֹאצְק, מִיטְן פְּלַאן אַז אֶפְשָׁר וֶועט דָארְט זַיין דִי אָנְלֵייגֶענִישׁ עֶטְוָואס מִילְדֶער וִוי אִינֶעם הוֹיפְּטְשְׁטָאט וַוארְשֶׁע, אוּן עֶס וֶועט זַיין לַייכְטֶער זִיךְ אַרוֹיפְצוּכַאפְּן אוֹיפְן צֶענְטְרַאלֶער בַּאן וָואס פָארְט פוּן וַוארְשֶׁע קַיין לוּבְּלִין.

זֶעעֶנְדִיג פוּנְדֶערְוַוייטְנְס וִוי דֶער צֶענְטְרַאלֶע בַּאן דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ, הָאט זִיךְ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק גֶעגְרֵייט אַרוֹיפְצוּשְׁטֵייגְן אוֹיפְן בַּאן. אָבֶּער וִוי עֶרְשְׁטֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז טְרָאצְדֶעם וָואס דִי בַּאן פַארְלַאנְגְזַאמְט אִיר טֶעמְפָּא, פְּלַאנְט עֶר אָבֶּער זִיךְ נִישְׁט אָפְּצוּשְׁטֶעלְן בַּיים אָטְוָואצְקֶער סְטַאנְצִיֶע, וִוייבַּאלְד דִי בַּאן אִיז אִיבֶּערְגֶעפּוּלְט מִיט אַזוֹיפִיל טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן. אָבֶּער דַאן הָאט אוֹיפְגֶעבְּלִיצְט אַ גֶעדַאנְק בַּיי אִים אִין קָאפּ, אוּן פְלִינְקֶערְהֵייט הָאט עֶר אַרַיינְגֶעוָוארְפְן זַיין קְלֵיינֶע רֶענְצְל - אִין וֶועלְכֶע עֶר הָאט אֵיינְגֶעפַּאקְט דִי לֶעבְּנְס וִויכְטִיגֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן - אִינֶעם פֶענְסְטֶער פוּנֶעם בַּאן. וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי רַייזְנְדֶע אוֹיפְן וַואגָאן הָאט בַּאמֶערְקְט אַז זַיין רֶענְצְל אִיז אִינֶעווֵיינִיג, הָאט עֶר שְׁנֶעלֶערְהֵייט אַרוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט אַ הַאנְט צוּ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אוּן אִים אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִינֶעם בַּאן דוּרְכְן שְׁמָאלְן פֶענְסְטֶער.

המשך בעז"ה

# וועלכע מתנה ברענגסטו פארן רבי'ן?!



נחמן דוב כ"ץ סיפורי מעשיות קרית יואל. אהרן יצחק לעבאוויטש סיפורי מעשיות ירושלים. יודא פירטה ספר המדות קרית יואל. יעקב דוד שמחה אייזנצווייג ליקוטי מוהר"ן קרית-טאהש. שמחה גולשבסקי ספר המדות בית שמש. אלימלך סיא סיפורי מעשיות ירושלים. צבי אלימלך מנדליאל בית שמש. אברהם אלתר פאללאק ספר המדות בית שמש. נתן צציק ספר המדות בית שמש. נתן רוזנבלט סיפורי מעשיות בית שמש. נחמן גרין ספר המדות בית שמש. יצחק יעקב דאווידאוויטש ספר המדות בית שמש. שמעון בערגער סיפורי מעשיות ירושלים. אהרן הערש מערמעלשטיין ספר המדות קרית יואל. יוסי כ"ץ שיחת הר"ן. נחמן צוקער ספר המדות בית שמש. נחמן זלוטניק שיחות הר"ן בית שמש. ישי מערמעלשטיין סיפורי מעשיות קרית יואל. אהרן יצחק לעבאוויטש ספר המדות ירושלים. נחמן בעק שיחות הר"ן בית שמש. משה ארי' יאזעף ספר המדות ירושלים. ישראל שלום ווייסשטיין סיפורי מעשיות ירושלים. יהודא טרייטל ראטה שיחות הר"ן. מנחם מענדל חיים ווייס סיפורי מעשיות בית שמש. מנחם מענדל חיים ווייס ספר המדות בית שמש. ישראל פישער סיפורי מעשיות ירושלים. משה ארי יאזעף סיפורי מעשיות ירושלים. נחום זאב פראנק ספר המדות ירושלים. שמעון פישער ספר המדות ירושלים. אלעזר אנשין ספר המדות בית שמש. לוי יצחק ווייסשטיין ספר המדות ירושלים. נחמן ווייצהנדלר. חיים ווייצהנדלר סיפורי מעשיות בית שמש. חיים גוטליב שיחת הר"ן. יחיאל קרויז ליקוטי עצות בית שמש. נחמן שמעון ווייס ירושלים. שמואל ? שיחות הר"ן. מאיר נחמן סלסקי שיחות הר"ן בית שמש. מאיר נחמן סלסקי ליקוטי תפלות בית שמש. נחמן דוב היילפרין סיפורי מעשיות בית שמש. בנימין שפירא השתפות הנפש בית שמש. דוד שטיינבערגער ספר המדות בית שמש. שמואל גאטליב ספר המדות. יעקב יוסף אנשין סיפורי מעשיות בית שמש. מאיר שמעון אנשין סיפורי מעשיות בית שמש.

*טייערע אינגל,*

*אויב דיין נאמען איז נאכנישט דא, האסטו נאך א געלעגנהייט ביז איינצושרייבן אויף קנעפל 2>3*

# א שמועס מיט'ן זיידן

ביי אָבענדן



**זיידע** - זיידע - אַ גוטן טָאג בֶּערֶעלֶע, וָואס דֶערְצֵיילְסְטוּ גוּטֶע זַאכְן?

**בֶּערֶעלֶע** -אַלֶעס פַּיין בָּרוּךְ הַשֵּׁם, הַיינְט אִיז אַלֶעס גֶעפָארְן גֶעשְׁמִירְט.. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט עֶפֶּעס עֶקְסְטֶער וָואס צוּ פַארְצֵיילְן.

**זיידע** - נָא, דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, אַן אַלְטֶער אִינְגֶל בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן?! יֶעדְן טָאג אִיז דָא עֶפֶּעס אַ נַייעֶ חִידוּשׁ, הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז נִישְׁט נָאךְ אַ טָאג אַזוֹי וִוי נֶעכְטְן... יֶעדְן טָאג אִיז אַן עֶקְסְטֶערֶע בְּרִיאָה! אַ בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ פַאר זִיךְ! אוּן מֶען כַאפְּט זִיךְ גָארְנִישְׁט אַז נָאךְ וֶוען דֶער טָאג גֵייט אַרִיבֶּער גֵייט עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען!

**בֶּערֶעלֶע** - אוֹי, כְּהָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעכַאפְּט דִי זַאךְ... דִי טֶעג קוּקְן אוֹיס וִוי אַ זֵייגֶער וָואס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם, ס'קוּמְט זוּנְטָאג שְׁפֶּעטֶער מָאנְטָאג, אַזוֹי לוֹיפְן דִי טֶעג בִּיז שַׁבָּת אוּן שְׁפֶּעטֶער קוּמְט וִוידֶער אַ זוּנְטָאג... ס'לוֹיפְן אַזוֹי אַרִיבֶּער... אָבֶּער בֶּאֱמֶת קֶען מֶען נִישְׁט צוּרִיקְדְרֵייעֶן דִי טֶעג. אִיךְ גֶעדֶענְקְט אַז וֶוען אִיךְ בִּין אַרוּיף אִין כִּתָּה ג' הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן צוּ מַיין גֶעטְרֵייעֶר רֶבִּי פוּן כִּתָּה ב', אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, 'הַלְוַאי וֶוען מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט צוּרִיק-דְרַייעֶן אַבִּיסְל דִי טֶעג אִיךְ זָאל זַיין נָאךְ אַבִּיסְל אִין כִּתָּה ב'...' אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, נָאךְ וֶוען דֶער הַיינְט וֶוערְט אַ נֶעכְטְן אִיז עֶס שׁוֹין אַ פַארְגַאנְגֶענְהֵייט....

**זיידע** - רִיכְטִיג, אַ טָאג אִיז אַ שְׁטִיקְל לֶעבְּן! אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע טַייעֶרֶע זַאךְ! וֶוען מֶען גֵייט אַזוֹי צוּ צוּם נֵייעֶם טָאג אִיז עֶס אַ אַנְדֶערֶע לֶעבְּן, אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן וֶוערְן אוֹיס. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "כָּל הָעוֹלָם מָלֵא מַחֲלוֹקוֹת... וְאֵין מִי שֶׁיָּשִׂים עַל לִבּוֹ הַתַּכְלִית שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם הָאָדָם מֵת כִּי הַיּוֹם שֶׁעָבַר לֹא יִהְיֶה עוֹד וּבְכָל יוֹם הוּא מִתְקָרֵב לַמִּיתָה.." (שִׂיחוֹת הָרַ"ן עז) דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל מִיט קְרִיגֶערַייעֶן, מְדִינוֹת קְרִיגְן זִיךְ, מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אוּן קֵיינֶער נֶעמְט נִישְׁט אִין גֶעדַאנְק אַז ס'אִיז דָא אַ תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג שְׁטַארְבְּט דֶער מֶענְטְשׁ, וַוייל דִי טָאג וָואס אִיז אַרִיבֶּער גֵייט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין, אוּן יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּם לֶעצְטְן טָאג!

הֶערְסְטוּ בֶּערֶעלֶע וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט? יֶעדֶע טָאג דַארְף מֶען כַאפְּן מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, וַוייל אִין אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק לוֹיפְט עֶס שׁוֹין אַוֶועק.

**בֶּערֶעלֶע** - ס'אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי אֱמֶת'דִיג דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וִוי קֶען זַיין אַז אִיךְ פִּיל נִישְׁט דִי גְרוֹיסֶע גְלִיק אִין מַיינֶע טֶעג?

**זיידע** - דָאס אִיז נָאר וַוייל דִי הָאסְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ גֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִידָּה פוּן "הִתְחַדְּשׁוּת"! זִיךְ בַּאנַייעֶן,

וֶוען מֶען פִּילְט אַז אַלֶעס אִיז אַזוֹי סְתָּם אוּן נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶפֶּעס זֶענֶען דִי טֶעג אַזוֹי פַארְשְׁלָאפְן, אִיז דָאס אַ רוּף פוּן הִימְל פַארְן מֶענְטְשׁ: "ר' אִיד, זַיי זִיךְ מְחַדֵּשׁ! פְּרִישׁ זִיךְ אוֹיף!"

**בֶּערֶעלֶע** – וִוי אַזוֹי פְּרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף?

**זֵיידֶע** – זֵייעֶר גוּט פְרֶעגְסְטוּ! דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער בַּעַל דָבָר לֵייגְט זִיךְ אוֹיס אוֹיף דֶעם מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, מֶען רוּפְט אִים דֶער מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל, דֶער אַלְטֶער נַארִישֶׁער קֵייזֶער... דָאס אִיז אַלֶעמָאל זַיין וֶועג צוּ מַאכְן אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן עֶפֶּעס אַזוֹי אַלְט אוּן פַארְצַייטִישׁ, "שׁוֹין, נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען.. נָאכְאַמָאל דַאוֶוענֶען..." דֶערִיבֶּער אוֹיבּ מֶען פִּילְט זִיךְ עֶפֶּעס אַזוֹי טְרוּקְן דֶעמָאלְס קֶען מֶען וִויסְן אוֹיף זִיכֶער אַז דֶער בַּעַל דָבָר הָאט מִיר פַארְנַארְט! עֶר הָאט מִיר אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין זַאק... אוּן אוֹיבּ מֶען ווייסט אַז מֶען אִיז אִין זַאק דֶעמָאלְס קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן וֶועגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דָארְט.

שְׁפֶּעטֶער דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ אָנְפַאנְגֶען יֶעדְן מָאל נָאכְאַמָאל, מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, אוּן אַוֶועקְוַוארְפְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען, זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז מֶען אִיז הַיינְט פְּרִישׁ גֶעבּוֹירְן. "אִיךְ וִויל אִיךְ הַיינְט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מִיט וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט אָנְהֵייבְּן?" אַזוֹי פְּרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף!

נָאךְ אַן עֵצָה גִיבְּט דֶער רֶבִּי, "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ" מֶען זָאל שְׁטֶעלְן פַאר זִיךְ נָאר דֶער הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן אוֹיךְ נִישְׁט פוּן מָארְגְן אוּן פוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אד"ג. נָאר קוּקְן דִי מִינוּט, "וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּן צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער?".

**בֶּערֶעלֶע** – אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר חֻמָּשׁ דְבָרִים דֶער פָּסוּק (כו' טז) "הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ – הַיינְטִיגֶע טָאג בַּאפוֹילְט דִיר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיינֶע בַּאפֶעלְן" זָאגְט דָארְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ, פַארְוָואס שְׁטֵייט הַיּוֹם הַזֶּה? וַוייל: "בְּכָל יוֹם יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ חֲדָשִׁים" דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה זָאל יֶעדְן טָאג זַיין נַיי בַּיי מִיר, וִוי גְלַייךְ מֶען הָאט עֶס הַיינְט בַּאפוֹילְן.

**זֵיידֶע** – מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף הָרַב הֶחָסִיד ר' יוֹנָה לְבַל זַ"ל אַז אֵיינֶער הָאט אִים אַמָאל גֶעזֶעהְן שְׁטֵיין נֶעבְּן צִיּוּן פוּן ר' שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִין מִירוֹן אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶר וֵויינְט שְׁרַייט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס וֶועט זַיין מִיט מַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן וָואס זֵיי גֵייעֶן אִין דֶער פִינְסְטֶערְנִישׁ".. דִי וֶוערְטֶער וָואס זֶענֶען גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בֶּאֱמֶת מִיט אַ תְּמִימוּת פוּן אַ לוֹיטֶער הַארְץ זֶענֶען אַיינְגֶעקְרִיצְט גֶעוָוארְן אִין דִי הַארְץ פוּן יֶענֶעם אִיד, עֶס הָאט אַזוֹי גֶעוִוירְקְט אוֹיף אִים אַז עֶס הָאט אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט זַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן, וֶוען דִי וֶוערְטֶער קְלִינְגֶען אִים אִין אוֹיעֶר אוּן מַאכְן לִיכְטִיג זַיין וֶועג.

**בֶּערֶעלֶע** – שׁוֹין זֵיידִי, אִיךְ וִויל זִיךְ אוֹיפְרִישְׁן מִיט דִי זַאךְ פוּן הִתְחַדְשׁוּת! אִיךְ וִויל בַּאנַייעֶן מַיין אֱמוּנָה אַז יֶעדְן טָאג אִיז זֵייעֶר טַייעֶר, אוּן אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין....!

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

נָאר אִיךְ דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס אִיךְ פַארְדִין מִיט יֶעדֶע מִצְוָה'לֶע, אוּן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה טוֹבָה.

אִין אַן אַנְדֶערֶע הֲלָכָה (בֵּית הַכְּנֶסֶת ה' אוֹת י"ז) שְׁרַייבְּט ר' נָתָן, אַז דֶער עִיקָר עֲבוֹדָה פוּן דִי "יָמִים הַנּוֹרָאִים" אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דֶעמָאלְטְס קוּמְט מֶען אַרֵיין אִין שׁוּל אוּן מְ'שְׁרַייט פוּן טִיפְן הַארְץ בִּתְמִימוּת, מְ'זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן "לֹא בְּחֶסֶד וְלֹא בְּמַעֲשִׂים בָּאנוּ לְפָנֶיךָ" מִיר קוּמֶען נִישְׁט צוּ דִיר מִיט דִי כֹּחַ פוּן אוּנְזֶערֶע מִצְווֹת נָאר "כְּדַלִּים וּכְרָשִׁים דָּפַקְנוּ דְלָתֶיךָ" מִיר קְלַאפְּן אוֹיף דַיין טִיר אַזוֹי וִוי אָרִימֶע לַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן תָּם, אַזוֹי וִוי מְ'זָאגְט בַּיי דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים "הַתָּם וּמִתַּמֵּם עִם תְּמִימִים" זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אִים אוֹיךְ קֶענֶען דִינֶען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט תְּמִימוּת, אַזוֹי וִוי דִי רָצוֹן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָמֵן.





המשך פון לעצטע זייט

## משלים

דֶערְפְרִישְׁט... אִינְמִיטְן עֶסְן רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: **"אַ מְחַיֶּה! אִיךְ הָאבּ אָבֶער גוּט גֶעהָארֶעוֶועט בִּיז אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט דָאס עֶסְן!"**



דֶער עוֹשֶׁר פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן מִיט דִי וֶוערְטֶער, אוּן דֶער אָרִימַאן פַארְצֵיילְט אִים וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אִים דִי לֶעצְטֶע פָּאר שְׁטוּנְדְן, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הַאקְן דִי הָאלְץ, צוּ קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַזַא נַאכְטְמָאל. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער עוֹשֶׁר: **"ר' אִיד, אִיר הָאט גֶעהָארֶעוֶועט אוּמְזִיסְט, אוּן אִיר עֶסְט אוֹיךְ אוּמְזִיסְט!"**

דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט מֶען זָאל וִויסְן דֶער אֱמֶת, אַז פַּרְנָסָה גִיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, אָבֶער מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ פְּלָאגְן צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי עֲבֵירוֹת. **"פַּרְנָסָה גִיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, אַרְבֶּעטְן דַארְף מֶען פַאר דִי עֲווֹנוֹת"**. פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז הַזָּן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל, בְּחֵן בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, אַלֶעס אִיז אַ מַתְּנַת חִנָּם!

הדפסת הגליון נתנדב לע"נ ר' פנחס דוד בן ר' מרדכי ע"ה
הגליון נתנדב ע"י הר"ר איתמר לייפער הי"ו לרגל אירוסי הבת למזל טוב

# מַעֲשֶׂה ב׳ – דֶער מֶלֶךְ אוּן דֶער קֵייזֶער (1)

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ קֵיסָר. דֶער קֵיסָר הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גֶעהַאט. וְוידֶער אִיז גִיוֶוען אֵיין מֶלֶךְ דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט.

הָאט זִיךְ דֶער קֵיסָר גִילָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל זוּכִין טָאמֶער וֶועט עֶר גִיפִינֶען עֶפֶּעס אֵיין עֵצָה אָדֶער אַ רְפוּאָה עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִילָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט. זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף אֵיין הַארְבֶּערִיג. אוּן הָאבִּין נִיט גְווּאוּסְט אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערִין.

הָאט דֶער קֵיסָר דֶער קֶענְט דֶעם מֶלֶךְ אַז עֶר הָאט אֵיין נִימוּס פוּן אֵיין מַלְכוּת. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. הָאט עֶר אִים מוֹדֶה גִיוֶוען אַז עֶר אִיז אֵיין מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט דֶעם קֵיסָר אוֹיךְ דֶער קֶענְט אַז עֶר הָאט אַ נִימוּס מַלְכוּת.

הָאט עֶר אִים אוֹיךְ מוֹדֶה גִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין דֶער צֵיילְט אַז זֵיי פָּארִין פוּן קִינְדֶער וֶועגִין. הָאבִּין זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט. בְּאִם אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אַהֵיים אוּן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער וֶועלִין הָאבִּין אֵיינֶע אַ זָכָר אוּן אֵיינֶע אַ נְקֵיבָה זָאלִין זֵיי זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין.

אִיז גִיפָארִין דֶער קֵיסָר אַהֵיים אוּן הָאט גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער. אוּן דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיפָארִין אַהֵיים אוּן הָאט גִיהַאט אַ זוּן. אוּן דֶער שִׁידוּךְ אִיז פוּן זֵיי פַּאר גֶעסְן גִיוָוארִין.

הָאט דֶער קֵיסָר גִישִׁיקְט זַיין טָאכְטֶער לֶערְנֶען. דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ גִישִׁיקְט זַיין זוּן לֶערְנֶען. זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע אָן גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְלַמֵד אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט הָאבִּין זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נֶעמֶען הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִינוּמֶען אַ פִינְגֶערִיל אוּן הָאט אִיר אַרוֹיף גִיטָאן אוֹיף דֶער הַאנְד, הָאבִּין זֵיי זִיךְ מִתְחַתֵּן גִיוֶוען. נָאךְ דֶעם הָאט גִישִׁיקְט דֶער קֵיסָר נָאךְ זַיין טָאכְטֶער אוּן הָאט זִי גִיבְּרַאכְט אַהֵיים,

דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט נָאךְ זַיין זוּהן אוּן הָאט אִיהם אוֹיךְ גִיבְּרַאכְט צוּ זִיךְ אַהֵיים. אוּן מֶען הָאט גִירֶעט שִׁידוּכִים דֶעם קֵיסֶר׳ס טָאכְטֶער. אוּן זִי הָאט נִיט גִיוָואלְט קֵיין שׁוּם שִׁידוּךְ מַחְמַת דֶעם הִתְקַשְׁרוּת וָואס זִי הָאט גִימַאכְט מִיט דֶעם בֶּן מֶלֶךְ.

אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִיר. אוּן דִי בַּת קֵיסָר אִיז אוֹיךְ תָּמִיד טְרוֹיעֶרִיג גִיוֶוען. אוּן דֶער קֵיסָר הָאט זִי גִיפִירְט אִין זַיינֶע הֵייף אוּן אִין זַיינֶע פַּאלַאצְן אוּן הָאט אִיר גִיוִויזִין אִיר גְדוּלָה אוּן זִי אִיז אַלְץ גִיוֶוען טְרוֹיעֶרִיג. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִיר בִּיז עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוָוארִין.

אוּן וָואס מֶען הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וָואס בִּיסְטוּ קְרַאנְק הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט זָאגִין. הָאט מֶען גִיזָאגְט צוּ דֶעם וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט טָאמֶער וֶועסְטוּ קֶענֶען בַּיי אִים דֶער קְלֶערִין. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט אִיךְ וֵוייס. וָוארִין דֶער וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט אִיז גִיוֶוען מִיט אִים דָארְט ווִי עֶר הָאט גִילֶערְנְט. הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט (כְּלוֹמַר דֶער בַּאדִינֶער הָאט גִיזָאגְט זֵיי פַּאר וָואס עֶר אִיז קְרַאנְק). הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ דֶער מַאנְט אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין לַאנְג מְשַׁדֵךְ גִיוֶוען מִיט דֶעם קֵיסָר. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִישְׁרִיבְּן צוּם קֵיסָר אַז עֶר

זָאל זִיךְ רֶעכְטִין אוֹיף דֶער חֲתוּנָה. וָוארִין דֶער שִׁידוּךְ אִיז דָאךְ שׁוֹין לַאנְג גִיוֶוען כַּנַ"ל.

דֶער קֵיסֶר הָאט אָבֶּער שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט דֶעם שִׁידוּךְ. לוּשְׁמִיר עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט אִים מֵעִיז זַיין. הָאט אִים דֶער קֵיסֶר אָפּ גִישְׁרִיבְּן אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל שִׁיקְן זַיין זוּן צוּ אִים כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען פִירִין לֶענְדֶער וֶועט עֶר אִים גֶעבִּין זַיין טָאכְטֶער.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט דֶעם זוּן צוּ אִים הָאט אִים דֶער קֵיסֶר אַנִידֶער גִיזֶעצְט אִין אֵיין חֶדֶר. אוּן הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין פַּאפִּירְן פוּן זַאכִין פוּן דֶער מְדִינָה כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען פִירִין דִי מְדִינָה.

דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט זִי צוּ זֶעהְן עֶר הָאט זִי אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט זֶעהְן. אַמָאל אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען לֶעבִּין אֵיין וַואנְט פוּן שְׁפִּיגְל הָאט עֶר זִי דֶער זֶעהְן אִיז עֶר גִיבְּלִיבְּן חַלָשׁוּת. אִיז זִי גִיקוּמֶען צוּ אִים אוּן הָאט אִים דֶער מִינְטֶערְט. אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט אַז זִי ווִיל נִיט קֵיין שׁוּם שִׁידוּךְ מַחֲמַת דָאס הִתְקַשְּׁרוּת וָואס זִי הָאט שׁוֹין מִיט אִים גִיהַאט.

הָאט עֶר צוּ אִיר גִיזָאגְט. וָואס טוּט מֶען דַיין פָּאטֶער ווִיל אָבֶּער נִיט הָאט זִי גִיזָאגְט פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט הַאלְט זִיא זִיךְ נָאר אִין אִים. נָאךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי אֵיין עֵצָה גִיהַאלְטְן זֵיי וֶועלִין זִיךְ אַוֶועק לָאזְן אוֹיף דֶעם יַם. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִידוּנְגֶען אֵיין שִׁיף אוּן הָאבִּין זִיךְ אַוֶועק גִילָאזְט אוֹיף דֶעם יַם.

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. נָאךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי גִיוָואלְט צוּ קוּמֶען צוּ אַ בָּארְטִין זֶענֶען זֵיי גִיקוּמֶען צוּם בָּארְטְן אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ וַואלְד זֶענֶען זֵיי אַהִין גִיגַאנְגֶען.

הָאט דִי בַּת קֵיסֶר גִינוּמֶען דָאס פִינְגֶערִיל אוּן הָאט אִים גִיגֶעבִּין אוּן זִי הָאט זִיךְ גִילֵייגְט שְׁלָאפִין. נָאךְ דֶעם הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִיזֶעהְן אַז זִי וֶועט שׁוֹין וַוייטֶער אוֹיף שְׁטֵיין הָאט עֶר אַנִידֶער גִילֵייגְט דָאס פִינְגֶערִיל לֶעבִּין אִיר. דֶער נָאךְ זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער שִׁיף.

דֶער וַוייל הָאט זִי זִיךְ דֶער מַאנְט אַז זֵיי הָאבִּין פַּאר גֶעסִין דָאס פִינְגֶערִיל דָארְט. הָאט זִי אִים גִישִׁיקְט נָאךְ דֶעם פִינְגֶערִיל. אִיז עֶר אַהִין גִיגַאנְגֶען, הָאט עֶר נִיט גִיקֶענְט גִיפִינֶען דָאס אָרְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער אוּן הָאט וַוייטֶער נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען דָאס פִינְגֶערִיל. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זוּכִין דָאס פִינְגֶערִיל פוּן אֵיין אָרְט צוּם אַנְדֶערִין בִּיז עֶר אִיז פַּאר עֶרְט גִיוָוארִין. אוּן הָאט זִיךְ שׁוֹין נִיט גִיקָאנְט אוּם קֶערִין אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אִים זוּכִין. אִיז זִי אוֹיךְ פַּאר עֶרְט גִיוָוארִין.

אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיבְּלָאנְזֶעט אוּן הָאט אַלְץ וַוייטֶער גִיבְּלָאנְזֶעט. נָאךְ דֶעם הָאט עֶר דֶער זֶעהְן אֵיין וֶועג אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין יִשׁוּב אַרַיין אוּן עֶר הָאט נִיט גִיהַאט וָואס צוּ טוּן אִיז עֶר גִיוָוארִין אַ מְשָׁרֵת. אוּן זִי אִיז אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיבְּלָאנְזֶעט. הָאט זִי זִיךְ מְיַשֵּׁב גִיוֶוען זִי וֶועט זִיךְ אַנִידֶער זֶעצִין בַּיי דֶעם יַם אִיז זִי גִיגַאנְגֶען צוּם בָּארְטְן פוּן דֶעם יַם. אוּן דָארְט אִיז גִיוֶוען בֵּיימֶער פוּן פֵּירוֹת. אִיז זִי דָארְט גִיזֶעסְן. אוּן בַּיי טָאג פְלֶעגְט זִי אוּם גֵיין בַּאם יַם. טָאמֶער וֶועט זִי גִיפִינֶען עֶמִיצְן אוּן זִי הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גִיוֶוען פוּן דִי פֵּירוֹת. אוּן בַּאנַאכְט פְלֶעגְט זִי אַרוֹיף גֵיין אוֹיף אַ בּוֹים כְּדֵי זִי זָאל זַיין אָפּ גִיהִיט פוּן דִי חַיוֹת.

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## דֶער מֶלֶךְ אוּן דֶער קֵייזֶער (1)

**א.** האבן דער מלך און דער קיסר געהאט קינדער?
- ❑ דער מלך האט געהאט קינדער און דער קיסר נישט
- ❑ דער קיסר האט געהאט קינדער און דער מלך נישט
- ❑ביידע האבן נישט געהאט קינדער

**ב.** וואו האבן זיך געטראפן דער מלך און דער קיסר?
- ❑ אין דעם קענעגליכע פאלאץ פון דעם מלך
- ❑ אין דעם קענעגליכע פאלאץ פון דעם קיסר
- ❑ אין איין גאסטהויז (הארבעריג)

**ג.** וואס האבן זיי צווישן זיך אפגעמאכט?
- ❑ אז אויב זיי וועלן האבן איינער א זון און איינער א טאכטער וועלן זיי זיך משדך זיין
- ❑ אז עס וועט זיין שלום צווישן זייערע מדינות
- ❑ אז זיי וועלן ווערן איין מדינה מיט איין קעניג

**ד.** וואו האבן זיך געטראפן דער זון פון מלך און די טאכטער פון קיסר?
- ❑ אין איין גאסטהויז (הארבעריג)
- ❑ זיי האבן געוואוינט בשכנות.
- ❑ ביי איין מלמד

**ה.** וואס האבן זיי צווישן זיך אפגעמאכט?
- ❑ אז זיי וועלן זיך קיינמאל נישט קריגן
- ❑ אז זיי וועלן חתונה האבן
- ❑ אז זייערע קינדער וועלן זיך משדך זיין

**ו.** פארוואס האט די בת קיסר נישט געוואלט קיין שום שידוך?
- ❑ ווייל זי האט געוואלט נאר דער זון פון דעם גרעסטן קעניג
- ❑ ווייל זי האט געוואלט נאר דער זון פון דעם גרעסטן עושר
- ❑ וועגן די התקשרות מיט דעם בן מלך

**ז.** וואו האט די בת הקיסר פארגעסן דאס פינגערל (רינגל)?
- ❑ אין איר שטוב פאר זי איז ארויס
- ❑ אויפ׳ן שיף
- ❑ אין וואלד וואו זי איז געשלאפן

**ח.** ווער האט געטראפן די פינגערל (רינגל)?
- ❑ דער בן המלך
- ❑ די בת הקיסר
- ❑ קיינער נישט

ליפער קאראנער



ט. ר׳ נתן אין ליקוטי הלכות שרייבט עפעס רמזים אויף די דאזיגע מעשה?

י. וועלכע מעשה האט מען פארגעליינט פאר ר׳ נתן בעפאר זיין פטירה?

(על"ת מכתב הסתלקות)

**דער געווינער אויף סיפורי מעשיות #3**

**איז הילד החשוב מנחם שמעון בעק, בית שמש**

די מתנה ליגט ביים משגיח אין ת"ת ברסלב בית שמש / ירושלים

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דִי נַארִישְׁקֵייט וְוי אַזוֹי דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ, וְוי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן אוּן זֶענֶען מִשְׁתַּדֵל צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז נָאר דוּרְךְ זֵייעֶר הִשְׁתַּדְלוּת קֶענֶען זֵיי אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְּן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת בַּאקוּמֶען מִיר פַּרְנָסָה נָאר פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס בְּרֵייטֶע הַאנְט.

אֵיינְמָאל אִיז אַן אָרִימַאן אַרַיין אִין אַ הוֹיף וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעווָאוֹינְט צְוֵויי רַייכֶע לַייט, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ אוּן אַ גְרוֹיסֶע בַּעַל צְדָקָה, דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶוער אַ קַארְגֶער מֶענְטְשׁ. וְוי נָאר דֶער אָרִימַאן קוּמְט אַרַיין אִין חָצֵר הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט דִי דִירָה וואוּ עֶס וואוֹינְט דֶער קַמְצָן – קַארְגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר גֵייט צוּ אוּן בֶּעט פוּנֶעם קַמְצָן אַ נְדָבָה צוּ קֶענֶען שְׁטִילְן זַיין הוּנְגֶער. זָאגְט אִים דֶער (קַמְצָן) עוֹשֶׁר: "דָא אִין גָארְטְן שְׁטֵייט אַ וָואגְן פוּל מִיט הֶעלְצֶער, וָואס מֶען דַארְף צוּשְׁנַיידְן אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ, דוּ קֶענְסְט אָפְּאַרְבֶּעטְן דִי פָאר שָׁעָה, וְוי נָאר דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן צוּ עֶסְן אַלְס בַּאצָאלוּנְג פַאר דַיין אַרְבֶּעט".

קַיין צְוֵויי בְּרֵרוֹת הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט, דִי הוּנְגֶער פָאדֶערְט עֶפֶּעס אִין מוֹיל אַרַיינְצוּלֵייגְן. דֶער אָרִימַאן נֶעמְט דֶעם הַאק אִין דֶער הַאנְט אוּן אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ בַּאשְׁטִיקְלֶען דִי הֶעלְצְלֶעךְ.

נָאכְן אָפְּעֶנְדִיגְן גֵייט עֶר צוּ צוּם קַארְגְן עוֹשֶׁר עֶר זָאל אִים גֶעבְּן דָאס עֶסְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, דֶער קַארְגֶער עוֹשֶׁר וַוייזְט אִים צוּ דֶער טִיר פוּן זַיין שָׁכֵן דֶער בְּרֵייט-הַארְצִיגֶער עוֹשֶׁר אוּן זָאגְט אִים: "גֵיי דָארְטְן וֶועט מֶען דִיר גֶעבְּן אַ מִיטָאג!".

מִיט וַוייעֶנְדִיגֶע פִיס שְׁלֶעפְּט זִיךְ דֶער אָרִימַאן צוּם הוֹיז פוּן דֶעם בְּרֵייט-הַארְצִיגֶער עוֹשֶׁר, מִיט זַיין תְּמִימוּת הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז סְ'אִיז דִי זֶעלְבֶּע שְׁטוּב, וְוי דָארְט בַּאקוּמְט מֶען בַּאצָאלְט.

וְוי נָאר עֶר קוּמְט אַרַיין, נֶעמְט אִים דֶער בְּרֵייט-הַארְצִיגֶער עוֹשֶׁר אוֹיף מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, אוּן שְׁטֶעלְט אִים צוּ אַ גֶעשְׁמַאקֶע בְּרֵייטֶע מָאלְצַייט כְּיַד הַמֶּלֶךְ. דֶער אָרִימַאן הָאט אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי גוּטֶע מַאֲכָלִים, עֶס הָאט אִים אוֹיפְגֶעלֶעבְּט אוּן

המשך אויף זייט 8

